13/26987

# אַ מעשה מיט אַ ציג

פון ל. שפּיטאַלניק לויט ש. י. עגנון



13/26 987

1

ניו־יאָרק 1945 ה'תש"ה

מעשׂות פאַר אידישע קינדער

# ש. י. עגנון

•

שמואל יוסף עגנון איז געבוירן געוואָרן אום תשעה באָב, תרמ״ח (1888) אין בוטשאַטש, גאַליציע. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל. אין יאָר 1904 האָט ער אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע דערציילונגען. געשריבן האָט ער דענצמאָל אויף יידיש און העברעאיש. אין יאָר 1907 איז ער געקומען קיין ארץ ישראל, וואו ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען זייער נאָענט צו די חלוצים און איז אַזוי ווי זיי געווען איינער פון די בויער און שאַפער פון דעם נייעם ישוב אין לאַנד.

ש. י. עגנון איז איינער פון די גרעסטע יידישע שרייבער פון אונדזער צייט. אין זיינע וואונדערלעכע לעגענדעס, מעשות און פאַנ־טאַזיעס האָט ער באַזונגען די גרויסקייט און שיינקייט פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן און ער האָט אויך אויסגעחלומט בילדער פון אַ גליקלעך יידיש פאָלק אין דעם היסטאָרישן לאַנד פון זיינע אבות.

די פאַנטאַזיע „אַ מעשה מיט אַ ציג״, וואָס מיר האָבן דאָ איבער־דערציילט אויף יידיש, ווערט געהאַלטן פאַר איינער פון די שענסטע שאַפונגען פון ש. י. עגנון.

---

# ז. ראַבאַן

די בילדער אין דעם ביכל האָט געצייכנט דער באַוואוסטער יידישער מאָלער ז. ראַבאַן פון ארץ ישראל. ער איז אַ סך יאָרן געווען אַ לערער אין דער בצלאל־קונסט שול אין ירושלים.

א מתנה דבורהן

Copyright, 1944, by Hebrew Educators Committee for Labor Palestine

01-B12367

# אַ מעשה מיט אַ ציג

פון ל. שפּיטאַלניק לויט ש. י. עגנון

אין פּוילן האָט אַמאָל געלעבט אַ ייד, וועלכער האָט אויף דער עלטער גענומען נעבעך שטאַרק הוסטן. איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר, האָט אים דער דאָקטאָר געהייסן טרינקען ציגענע מילך. איז דער ייד געגאַנגען און געקויפט זיך אַ ציג.

איינמאָל איז די ציג פאַרפאַלן געוואָרן. איז מען זי געגאַנגען זוכן און מען האָט זי ניט געקענט געפינען: ניט אין קיין הויף און ניט אין קיין גאָרטן; ניט אויפן דאַך פון בית מדרש און ניט ביים ברונעם; ניט אויפן באַרג און ניט הינטערן באַרג; ניט אין פעלד און ניט אין וואַלד. די ציג האָט זיך אָפּגעזאַמט עטלעכע טעג און האָט זיך אַליין אומגעקערט אַהיים. דער אייטער ביי דער ציג איז געווען פול אָנגע־גאָסן מיט מילך, און די מילך האָט געהאַט טעם גן־עדן.

אַזוי איז די ציג אַ סך מאָל פאַרשוואונדן געוואָרן און מען פלעגט זי אַרומלויפן זוכן אומעטום און ניט געפינען, און זי פלעגט זיך אַליין אומקערן, און איר אייטער איז אַלעמאָל געווען אָנגעגאָסן מיט אַ סך מילך, וואָס איז געווען זיסער פון האָניק און האָט געהאַט טעם גן־עדן.

איינמאָל רופט זיך אָן דער ייד צו זיין ייִנגל:

— זון מיינער, איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואוהין גייט אַוועק אַלעמאָל אונדזער ציג און פון וואַנען ברענגט זי אין איר אייטער די מילך, וואָס האָט אַזאַ זיסן טעם, נעמט צו ביי מיר דעם הוסט און היילט מיר אויס די ביינער?

האָט דער זון געענטפערט:

— פאָטער, איך האָב אַן עצה.

פרעגט דער פאָטער:

— וואָס איז דיין עצה?

איז דער זון געגאַנגען און געבראַכט אַ שטריק און אים גענומען צובינדן דער ציג צום עק. רופט זיך אָן דער פאָטער:

— וואָס טוסטו, מיין זון?

זאָגט דער זון:

— אַ שטריק בינד איך אָן דער ציג צום עק, און אַז איך וועל דערפילן, אַז זי וויל ווידער אַנטלויפן, וועל איך אַ כאַפּ טאָן דעם שטריק און וועל איר נאָכגיין.

האָט דער פֿאָטער געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויסגערופן:

— זון מיינער, דיין עצה געפעלט מיר!

האָט דאָס יינגל אָנגעבונדן דער ציג דעם שטריק און — גע־האַלטן אויף איר אַן אויג. ווי ער האָט נאָר דערזען, אַז זי וויל שטעלן פיס, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם שטריק, און ער האָט זי שוין ניט



"די ציג גייט, און דאָס יינגל גייט איר נאָך" . . .

אָפּגעלאָזט. די ציג גייט, און דאָס בחורל גייט איר נאָך. אַזוי איז ער איר נאָכגעגאַנגען, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ פֿאַרבאָרגענער הייל. די ציג איז אַריין אין דער הייל, און דער בחור נאָך איר. זיי זיינען אַזוי געגאַנגען אַ פּאָר שעה, און אפשר אַ פּאָר טעג, וואָרים מחמת דעם גרויסן וואונדער פון דער זאַך האָט ער ניט געוואוסט, וואו ער האַלט אין חשבון. מיט אַמאָל האָט די ציג גענומען דרייען מיטן עק און מעקען: הפנים זי האָט זיך דערפרייט, וואָס זי האָט דערזען די ענד פון דער הייל.

אַז זיי זיינען אַרויס פון דער הייל, האָט ער דערזען בערג און

טאָלן, באַדעקט מיט אַלערליי זיסע פּרוכט־ביימער; און קוועלנדיקע וואַסערלעך לויפן פון די בערג אין די טאָלן אַריין; און אַ מחיהדיק ווינטעלע ברענגט צו טראָגן אַלערליי טייערע ריחות. די ציג איז גלייך אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בוים, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די צווייגן און — באַלד האָבן גענומען פאַלן אויף דער ערד באָקסערן זיס ווי האָניק, און זי עסט די באָקסערן און טרינקט פון די גאַרטן־קוואַלן און האָט, ווייזט אויס, שטאַרק הנאה פון אַלץ.

פרעגט דאָס יינגל ביי די פאַרבייגייער:

— איך בעט אייך, גוטע מענטשן, זאָגט מיר, וואו בין איך און ווי אַזוי הייסט דאָס דאָזיקע וואונדערלעך לאַנד?

רופן זיי זיך אָן צו אים:

— אין ארץ ישראל ביסטו, יינגל, ניט ווייט פון דער הייליקער שטאָט צפת.



„ער איז צוגעפאַלן צו דער הייליקער ערד און זי הייס געקושט“

איז זיין האַרץ געוואָרן פול מיט גרויס ליבשאַפט צום אָרט, און ער האָט זיך שוין פון דאָרטן ניט געקענט רירן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און אויסגערופן:

— איך דאנק דיר, גאט, וואס דו האסט מיך געבראכט קיין ארץ ישראל!

ער איז צוגעפאלן צו דער הייליקער ערד און זי היים געקושט. דערנאך האט ער זיך אוועקגעזעצט אונטער א בוים רוען.

דאס יינגל זיצט אונטערן בוים און טראכט:

— ביז וואנען דער טאג וועט פארגיין און די שאטנס וועלן אנטלויפן, וועל איך מיר דערווייל זיצן אונטערן בוים. דערנאך וועל איך גיין אהיים און ברענגען אויך טאטע-מאמע קיין ארץ ישראל.

עס איז אבער געווען ערב שבת. זיצנדיק אזוי פארחלומט, דער־הערט ער, ווי מען רופט:

— יידן, לאמיר גיין אנטקעגן דער מלכה שבת!

און ער דערזעט יידן שיין ווי מלאכים, וואס גייען אנגעטאן אין ווייסע קליידער און טראגן צווייגן פון מירטן-ביימער אין זייערע הענט, און זיי גייען אנטקעגן דער מלכה שבת. אין אלע הייזער ברענען שוין ליכט און די גאנצע שטאט איז גרייט אויפצונעמען דעם טייערן גאסט — דעם הייליקן שבת. האט ער פארשטאנען, אז ער קען שוין ניט טראכטן פון גיין צוריק אהיים מיט דער ציג צו טאטע-מאמע.

ער האט נאך באוויזן אויסצורייסן א רערל, איינטונקען עס אין טינט-וויינפערלעך און אנשרייבן אויף א בלאט פון א בוים דעם טאטן אזא בריוועלע:

„מיין טייערער פאטער, די קרוין פון מיין קאפ, לאנג לעבן זאלסטו!

איך טו דיר לאזן וויסן, אז איך בין בשלום אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און איך געפין זיך ניט ווייט פון דער הייליקער שטאט צפת און באד זיך אין איר הייליקייט. דו זאלסט מיך ניט פרעגן, ווי אזוי איך בין געקומען אהער, נאר נעם און כאפ זיך אן אין דעם שטריק, וואס איז אנגעבונדן אין דער ציגס עק, און גיי איר נאך פוס-טריט. דעמאלט וועסטו, מיט גאטס הילף, גיין אויף א זיכערן וועג און וועסט בשלום קומען קיין ארץ ישראל".

דאס יינגל האט צונויפגעוויקלט דאס בריוועלע און עס ארייַנ־געלייגט דער ציג אין אן אויער, טראכטנדיק זיך דערביי אזוי:

— אז זי וועט קומען צום טאטן, וועט זיך דער טאטע מיט איר דערפרייען און זי נעמען פון ליבשאפט גלעטן איבערן קאפ, און זי וועט פון צופרידנקייט שאקלען מיט די אויערן, וועט דאס בריוועלע ארויספאלן פון אויער, וועט עס דער טאטע אויפהייבן און איבער־לייענען און א כאפ טאן דעם שטריק און גיין מיט איר קיין ארץ ישראל.

די ציג איז טאַקע געקומען אַהיים אַליין, אָבער מיט די אויערן האָט זי ניט געשאָקלט, און דאָס קוויטעלע איז ניט אַרויסגעפאַלן. אַז דער אַלטער האָט זי דערזען אָן זיין זון, האָט ער גענומען וויינען און יאָמערן, שלאָגן זיך אין קאָפּ אַריין און שרייען:

— זון מיינער, זון מיינער, וואו ביסטו? זון מיינער, הלוואי וואָלט איך געווען געשטאָרבן פאַר דיר, זון מיינער, זון מיינער!

און ער איז אַרומגעגאַנגען און באַוויינט זיין זון און געטרויערט נאָך אים:

— אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן, פאַרצוקט איז געוואָרן מיין זון!

און ער האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן:

— איך וועל שוין אַזוי אָן אבל גיין אין קבר אַריין!

און ער האָט זיך געזעצט שבעה נאָך זיין זון.



„אוי, וויי איז מיר!"...

אַז ער פלעגט דערנאָך אַ קוק טאָן אויף דער ציג, פלעגט ער נעמען שרייען:

— אוי וויי איז דעם טאַטן, וואָס האָט פאַרטריבן זיין זון, און וויי איז דער ציג, וואָס האָט אים געטריבן פון דער וועלט!

און דער פאָטער האָט זיך ניט באַרואיקט, ביז ער האָט ניט גערופן דעם שוחט און זי געהייסן קוילען.

אַז דער שוחט האָט זי געשאָכטן, און דער שינדער האָט אָפּגעשונדן פון איר די פעל, איז פון אויער אַרויסגעפאַלן דאָס בריוועלע. דער פאָטער האָט עס אויפגעהויבן און אויסגעשריגן:

— אוי ווײ, מיין זונס האַנטשריפט!

דער אַלטער האָט איבערגעלייענט דאָס בריוועלע און גענומען זיך ווידער שלאָגן אין קאָפּ אַריין און שרייען:

— אוי, ווײ איז מיר! ווײ איז דעם מענטשן, וואָס האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענט פאַרטריבן פון זיך זיין מזל, און ווײ איז דעם מענטשן, וואָס באַצאָלט יענעם מיט שלעכטס פאַר גוטס! . . .

און ער האָט לאַנג געטרויערט נאָך דער ציג און האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן:

— ווײ איז מיר! איך האָב דאָך געקאָנט אויפגיין קיין ארץ ישראל מיט איין שפרונג, און איצטער וועל איך שוין אַזוי אָפּפינצטערן דאָס ביסל יאָרן, וואָס ס'איז מיר נאָך באַשערט, אין גלות! . . .

פון דעמאָלט אָן איז פאַרשטעלט געוואָרן דער אַריינגאַנג צו דער הייל, און קיין קורצער וועג אין דעם הייליקן לאַנד איז מער ניטאָ.

און וואָס איז געוואָרן מיטן יינגל? ער לעבט און איז גליקלעך אין דעם לאַנד פון זיינע אבות, אָבער אין האַרצן טוט ער שטאַרק בענקען נאָך זיין עלנטן טאַטן, וואָס האָט ניט זוכה געווען, אַז די ציג זאָל אים ברענגען מיטן קורצן וועג — דורך דער פאַרבאָרגענער הייל — קיין ארץ ישראל.

---




דער ביכער-קלוב
פאַר יידישע קינדער

אַרויסגעגעבן פון דעם

קאָמיטעט פון דערציער
פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל

45 איסט 17־טע גאַס, ניו־יאָרק 3, נ. י.

Printed in the U. S. A.

פרייז 10 סענט

490